Publié par
l'Association pour
l'Etude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש-לימוד און פֿון דער
מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 4 , נומער 2 (17)

כּיסלו תּשנ״ט/דעצעמבער 1998

# אַ ספּעציעלע אויסגאַבע געווידמעט עוזר וואַרשאַווסקי

**אין 1898 איז געבוירן געוואָרן דער ייִדישער שרײַבער און קינסטלער עוזר וואַרשאַווסקי. לכּבֿוד[1] זײַן הונדערטסטן געבוירן־טאָג האָט די מעדעם־ביבליאָטעק צוגעגרייט אַן אויסשטעלונג וועגן זײַן לעבן און שאַפֿן, באַגלייט מיט אַ ריי רעפֿעראַטן. די אויסשטעלונג האָט זיך געעפֿנט דעם 18טן נאָוועמבער און מע קען זי נאָך באַזוכן ביזן 31סטן דעצעמבער. פֿאַר די וואָס קענען נישט קומען אין פּאַריז גיבן מיר דאָ אַ סך־הכּל[2].**

## אַרום דער אויסשטעלונג

די אויסשטעלונג האָט צוגעגרייט אירען בויער מיט דער מיטהילף פֿון עטלעכע מיטאַרבעטער פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק. אויף די ווענט זעט מען אויף גרויסע, שיין אילוסטרירטע טאָוולען פֿראַגמענטן פֿון וואַרשאַווסקיס ווערק, *שמוגלערס*[3], *שניטצײַט*, *L'Arrière-Montparnasse*[4] און *רעזידענצן*[5] וואָס שפּיגלען אָפּ די געשעענישן און די אַטמאָספֿערע פֿון קריגסצײַטן (ביידע וועלט־מלחמות) און די צווישן־מלחמהדיקע יאָרן אין פּאַריז.



אין די וויטרינעס קען מען זען וואַרשאַווסקיס פּערזענלע־כע פּאַפּירן (אויסגעבאָרגט פֿון זײַן שטיף־טאָכטער, די פֿאַר־לעגערין[6] לידי לאַשנאַל) – פֿאָ־טאָגראַפֿיעס, אָפֿיציעלע דאָקו־מענטן, כּתבֿ־ידן[7]. עס זענען אויך אויסגעשטעלט זײַנע בילדער, צייכענונגען און זײַן פֿאַרבן־שאַכטל.

כאָטש די אויסצוגן פֿון וואַרשאַווסקיס ווערק זענען אָנגעגעבן אין פֿראַנצייזישער איבערזעצונג (אַ חוץ *L'Arrière-Montparnasse*, וואָס ער האָט גלײַך געשריבן אויף פֿראַנצייזיש), קען מען פֿונעם הויכרעדער[8] הערן אַ פּאָר פֿראַגמענטן אינעם אָריגינאַל.

די רעפֿעראַטן האָבן צו טאָן מיט וואַרשאַווסקיס שרײַבן און לעבן, מיט דער ייִדישער ליטעראַרישער און קינסטלערישער סבֿיבֿה[9] אין בערלין און פּאַריז צווישן ביידע וועלט־מלחמות און מיט דער לאַגע פֿון ייִדן אין דער פֿאַשיסטישער איטאַליע.

1. LEKOVED en honneur de/in honor of ; 2. SAKhAKL resumé/summary ; 3. *Les Contrebandiers*, Le Seuil, 1989 ; 4. Lachenal et Ritter, 1992 ; 5. *On ne peut pas se plaindre*, Liana Levi, 1997 ; 6. éditrice/publisher ; 7. KSAV-YADN manuscrits/manuscripts ; 8. haut-parleur/loudspeaker ; 9. SVIVE milieu.

## עוזר וואַרשאַווסקי : „אַ ייִדישער שרײַבער אין ליכט פֿון בין־השמשות[1]“

געבוירן געוואָרן איז עוזר וואַרשאַווסקי 1898 אינעם שטעטל סאָכאַטשאָוו לעבן וואַרשע, אין אַ בעל־הבתּישער משפּחה[2]. דער טאַטע איז געווען אַ משׂכּיל[3] וואָס האָט געלעבט אַ קורצע צײַט אין לאָנדאָן. אַזוי איז עוזר וואַרשאַווסקי אויפֿגעוואַקסן אין אַ ליבעראַלער סבֿיבֿה[4]. פֿונדעסטוועגן האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג, זיך געלערנט העברעיִש און שפּעטער געוואָרן אַ העברעיִש־לערער. צווישן 1914 און 1918 האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן, אָבער דער עיקר געאַרבעט, ווי אַ פֿאָטאָגראַף, וואָס דאָס איז געווען דער ערשטער צייכן פֿון זײַן קינסטלערישן אינטערעס. 1920 איז אַרויס וואַרשאַווסקיס ערשטער ראָמאַן, *שמוגלערס*[5]. אָט דאָס בוך האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם[6] אויפֿן עולם. די קריטיק איז געווען זייער אָפּטימיסטיש לגבי[7] דער צוקונפֿט פֿונעם יונגן שרײַבער. דאָס באַזונדערע פֿונעם ראָמאַן איז געווען ערשטנס די זייער שטאַרקע שפּראַך. די העלדן, אַ באַנדע שמוגלערס מיט אַ פּאָר פּוילישע פּראָסטיטוטקעס רעדן אַזאַ ייִדיש וואָס קיין שרײַבער האָט עס נאָך נישט פֿאַרשריבן אין אַ בוך. דער באַרימטער קריטיקער שמואל ניגער האָט עס אָנגערופֿן „אַן אויטענטישער סלענג“. די גראָבע, רויע שפּראַך שפּיגלט אָפּ די ברוטאַלע באַציִונגען בשעת די שווערע צײַטן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

נאָך אַ פּאָר חדשים אין בערלין (וואָס איז דעמאָלט געווען אַן אמתער מאַגנעט פֿאַר ייִדישע שרײַבער) האָט ער זיך באַזעצט אין פּאַריז (1923), ווו ער באַקענט זיך מיט דער מאָנפּאַרנאַסער קינסטלער־סבֿיבֿה און הייבט אַליין אָן צו מאָלן. ער שרײַבט ווײַטער, נאָר זײַן צווייטער ראָמאַן, שניטצײַט (1928), האָט נישט קיין גרויסן דערפֿאָלג.

אין די דרײַסיקער יאָרן האָט ער אַ מין אינספּיראַציע־קריזיס. ערשט

סוף זײַט 4

1. BEYN HASHMOSHES crépuscule/twilight ; 2. BALE-BATISHER MISHPOKHE famille bourgeoise/bourgeois family ; 3. MASKL sympathisant de la Haskalah (les Lumières)/adherent of the Haskalah (Enlightenment) ; 4. SVIVE milieu ; 5. contrebandiers/smugglers.

# שמוגלערס[1] פֿון עוזר וואַרשאַווסקי

## (פֿראַגמענט)

**די מעשׂה קומט פֿאָר בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אַ פּויליש שטעטל אָקופּירט פֿון די דײַטשן. אַ גרופּע שמוגלערס פֿירן איבער סחורה קיין וואַרשע. אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל באַגעגענען מיר עטלעכע מענער פֿון דער באַנדע (פּאַנטל, מענדל, שײַקע), צוויי פֿרויען (די מאַטעיעכע[2] און חנה גימפּלס) און אַ דײַטשישן סאָלדאַט, יעגער.**

ס'איז געווען אַ טאָג סוף ווינטער. איינער פֿון יענע טעג, וואָס זענען פֿול אי מיט זון, אי מיט ווינט. אין אַזאַ טאָג עפֿנט מען שוין אין שטעטל טיר און טויערן פֿון שטובן. קינדער הייבן שוין אָן אַרויסצוקריכן פֿאַר די שוועלן[3] און זיי נעמען זיך אויף דער פֿרײַער לופֿט.

אונדזערע שמוגלערס האָבן, אויפֿכאַפּנדיק זיך נאָך מיטאָג פֿון שלאָף, דערזען מיט צופֿרידנקייט די ליבע שטראַלן פֿון דער זון אַרײַנשײַנענדיק אין די שטובן אַרײַן, האָבן זיי זיך אויפֿגעהויבן פֿון די געלעגערס, פֿרישע און קוועלנדיקע[4], זענען אַרויס אין גאַס און גענומען זיך גרייטן אין וועג אַרײַן.

אַהער צו וועגס[5] האָט די גאַנצע נאַכט געגאָסן. די פּלאַנדעקעס[6] זענען געוואָרן דורך און דורכגעווייקט און אַלע זענען געוואָרן פּיטש[7] נאַס.

האָבן זיי זיך איצט דערפֿילט פֿרישער אין דער איבערגעטרוקנטער וועש און מלבושים[8] און זיי האָבן געקוקט אויפֿן הימל ווו עס האָבן געצויגן מענגעס[9] ווײַסע וואָלקנדלעך, געצויגן אָן אַ שיעור.

ס'איז געווען אַרום זעקס פֿאַר נאַכט. נעבן די ווענט, וואָס קוקן צו מיזרח־זײַט, האָבן זיך שוין גרויסע שאָטנס אויסגעלייגט, ווען די וועגנס[10] זענען אַרויס פֿון די הייף און האָבן זיך געלאָזט, פּאַמעלעך פֿאָרנדיק, אויפֿן שאָסיי[11] אַרויס.

אויף די זײַטן, נעבן די הײַזער, זענען געגאַנגען די שמוגלערס, מיט די פּעקלעך הינטער די פּאַלטאָס[12] און פֿאַטשיילעס[13].

קוקנדיק מיט חשד[14] אויף די זײַטן זענען זיי מיט אײַנגעבויגענע קעפּ געקומען אַלץ ווײַטער, ביז זיי זענען שוין געווען ווײַט נאָכן צלם[15], נאָכן ערשטן בריקל – אויפֿן שאָסיי.

געשווינד וואַרפֿן זיי דעמאָלט זייערע פּעקלעך אין די וועגנס אַרײַן, וואַרפֿן זיך אַליין אויך אַהין אַרײַן און די בעלי־עגלות[16] טוען אַ שמיץ די פֿערד און שרײַען צו אין דער גיך, אײַלנדיק זיך : האָ־טאַ – וויאָ־אָ!

דעמאָלט דערהערט מען אַ פֿײַף און אַ געשריי :

– האַלט!

שטעקן די שמוגלערס אַרויס די קעפּ, און דערזעענדיק, ווער עס לויפֿט צו זיי, ווערן זיי נישט טויט און נישט לעבעדיק[17]. נאָר די רירעוודיקע[18] כאַפּן די שווערע פּעק, שפּרינגען אַראָפּ פֿון די פֿורן און לויפֿן איבערן פֿעלד אַזוי געשווינד, ווי ס'וואָלטן שפּענדלעך[19] געווען בײַ זיי אויף די הענט, נישט צוויי אָדער דרײַ־פּודיקע [20] זעקלעך. זעט דער דײַטש, ווי אַ סך אַנטלויפֿן, הייבט ער אויף דעם רעוואָלווער אין דער הויך און שרײַט אַלץ :

– האַלט! קיין טראָט! שטעען!...

גייט אַלע איבער אַ פּחד[21]. דער אַלטער שײַקע שטייט מיט איין פֿוס אין וואָגן און מיטן אַנדערן אויפֿן ראָד, און קאָן זיך נישט רירן נישט אַהין און נישט אַהער. די הענט מיט וועלכע ער האַלט צו זײַן פּעקל, ציטערן און וואַרפֿן זיך און ער קוקט מיט אַ רחמנות־בעטנדיק פּנים צום דײַטש, וואָס שטייט שוין בײַ דער פֿור און שרײַט און בייזערט זיך.

ער הייסט מענדלען אַראָפּוואַרפֿן אַלע פּעק פֿון דער פֿור, זען, אויב ס'פֿירט נישט עמעצער קיין שמוגל...

פּאַנטל שטייט בײַ די פֿערד, פּאָרעט זיך[22] בײַ זיי און זײַן קרעמפּער[23] קערפּער וואַרפֿט זיך אים :

– האַ? ווען איך זאָל דאַס אים גע'ן אַ „בענטש"[24] אין די ציין אַרײַן, ער זאָל מיך האָבן צו געדענקען ?...



פֿון דער פֿור וואַרפֿט מענדל אַראָפּ די פּעקלעך, וואָס שפּרינגען אונטער, בלײַבנדיק ליגן אויפֿן שאָסייברוק[25]. נאָר אַז דער דײַטש שטעקט אַרײַן זײַן קאָפּ אין וואָגן, זען אויב ס'איז נישט דאָרט עפּעס איבערגעבליבן, כאַפּט דערווײַל פּאַנטל פֿון הינטער זײַנע פּלייצעס אַ צוויי פּעקלעך אַוועק און טוט זיי אַ וואָרף אין ראָוו[26] אַרײַן, פֿון וואַנען מ'זעט זיי נישט אַרויס... זעען אַנדערע פֿון דער פֿור, ווי פּאַנטל טוט, טוען זיי אויך אַזוי.

און דער דײַטש זעט, ווי עס פֿאַרשווינדן שמוגלערס מיט פּעקלעך, ציט ער פֿאַרן צינגל[27] פֿון רעוואָלווער און שיסט אויס אין דער לופֿט. דערשרעקן זיך אַלע גאָר שטאַרק און בלײַבן שטיין. מילא, וואָס ס'עט זײַן – עט זײַן...

איצט ציילט דער דײַטש איבער די פּעקלעך און שטעלט מענדלען אַוועק זיי צו היטן. ס'זאָל קיין איינס נישט פֿעלן ! און דאָס אייגענע חזרט זיך איבער נאָך אַ מאָל בײַ קאָפּלס פֿור.

וואַרפֿנדיק אַזוי די פּעקלעך פּלאַצט פֿון איין טאָרבע די נאָט[28] און ס'שיט זיך אויס ווײַס מעל און ס'פֿאַלט אין דער טונקלקייט אַרײַן, ווי אַ פּוכקער[29] שניי. צעלאַכט זיך דער דײַטש און פֿרעגט מיט אַ חוזק[30] :

– וואַס איז דיזעס... וואַס ?...

1. contrebandiers/smugglers ; 2. surnom, femme de Mattei/ nickname, wife of Mattei ; 3.seuils/doorsteps ; 4. réjouis/ delighted ; 5. דאָ אַרום ; 6. bache/tarpaulin ; 7. גאָר ; 8. MALBUShIM קליידער ; 9. מאַסן ; 10. געוויינטלעך : וואָגנס ; 11. chaussée/highway ; 12. paletots/overcoats ; 13. châles/shawls ; 14. KhShAD soupçon/ suspicion ; 15. TSEYLEM croix/cross ; 16. BALEGOLES *sing.* בעל־עגלה cocher/wagon-driver ; 17. mort de peur/frightened to death ; 18. *ici :* les plus rapides/*here* : the quickest ; 19. copeaux/slivers of wood ; 20. unité de poids/unit of weight (approx. 20 Kgs) ; 21. אַ שרעק ; 22. s'occupe/busies himself ; 23. musclé/muscular ; 24. *argot :* lui donner un coup/*slang:* give him a punch ; 25. pavage/pavement ; 26. fossé/ditch ; 27. détente/trigger ; 28. couture/seam ; 29. duveteux/fluffy.

לויפֿט צו אַ גראָבע שיקסע, די מאַטעיעכע, שפּרייט אונטער דאָס פֿאַרטעך, ס׳זאָל נישט שיטן אויף דער ערד און זי וויינט :

– יעזו, אָ באָזע, צאַלי מאָי מאַיאָנטעק... יעזו קאָכאַני...[31]

– זאָ ? רופֿט אויס דער דײַטש, זעענדיק, אַז דאָס מעל איז אירס, – נעמט שנעלער צוזאַמען !

און צו די איבעריקע, – דרײַסיק פּעקלעך איז דאָ. נעמט אויף די פֿורן און אין קאָמענדאַנטור !

ווערט אַ געפּילדער צווישן אַלע, לויפֿט צו חנה גימפּלס, אין בלויזן קאָפּ, ווײַל אין געאײַל האָט זי ערגעץ פֿאַרלוירן דאָס קאָפּטיכל. בייגט זי זיך אײַן די האַנט אים צו קושן און זי וויינט :

– האַר ! גרויסער האַר ! לאָזן זי די דערבאַרמונג האָבן אויף אַן אָרעמער ייִדענע... און נעמט זי ניש׳ צו דאָס שטיקל ברויט !

שטופּט ער זי אַוועק און ער קוקט אַלץ אויף דער מאַטעיעכעס פּולע זײַטן, אויפֿן גאַנצן גרויסן קערפּער אירן און צעשמייכלט זיך אונטער די וואָנסן[32]. רוימט ער איר אײַן[33] עפּעס איבערן וועג, שוין פֿאָרנדיק אין קאָמענדאַנטור און ער קיצלט זי אַזוי, פֿאַרשטייט זי דאָס, וואָס ער מיינט, כאָטש דאָס רעדן זײַנס פֿאַרשטייט זי קאַ׳ וואָרט נישט... און ער ווײַזט איר אויף איר פּעקל און זאָגט :

– דײַן שמוגל באַקומסטו צוריק... דײַן גאַנצן שמוגל... און ווינקט דערבײַ צו מיט די אויגן.

אַז די פֿורן זענען אַרויף אויפֿן גרויסן מאַרק, איז געוואָרן אַזאַ צוזאַמענגעלויף, אַז די פֿערד האָבן נישט געקאָנט גיין. האָט נאָר דער דײַטש געדאַרפֿט איין וואָרט צו זאָגן, איין בליק נאָר צו געבן פֿון זײַנע אויגן – און אַלע זענען זיך צעשוווּמען אין די זײַטיקע געסלעך. אַזאַ כּוח האָט עס געהאַט דער דײַטש !

און אַז די פֿור איז שוין געשטאַנען אויפֿן הויף פֿון דער קאָמענדאַנטור, זענען אַלע שמוגלערס אַרויפֿגעלאָפֿן אויפֿן ערשטן שטאָק, דאָרט ווּ עס זיצט דער קאָמענדאַנט, האָבן אָבער געטראָפֿן בלויז דעם אונטעראָפֿיציר מיטן שרײַבער אין די ברילן. דער קאָמענדאַנט איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן. פֿאַלן זיי צו צום אונטעראָפֿיציר און שרײַען אין אים אַרײַן אַזוי, אַז ער ווייס גאָרנישט, וואָס זיי ווילן פֿון אים האָבן. ערשט אַז יעגער איז אַרײַנגעקומען און אַלע אַרויסגעטריבן, האָבן זיי זיך אַדורכגעשמועסט און ס׳איז געבליבן, איין העלפֿט צוצונעמען און איין העלפֿט צוריקגעבן.

נאָר די מאַטעיעכע אַליין האָט צוריקגעקריגן דאָס פּעקל אין גאַנצן, זי האָט אָבער באַלד געמוזט גיין מיט יעגערן און מיטן שרײַבער אין די ברילן, צו מאירל בעל־אַכסניה[34] אין אַ באַזונדער חדרל אויפֿן גאָרן[35].

30. KHOYZEK en se moquant/in jest ; 31. יעזוס, גאָטעניו, מײַן גאַנצן פֿאַרמעגן... טײַערער יעזוס... ; 32. וואָנצעס : געוויינטלעך ; 33. שושקעט ; 34. MAYERL BAL AKHSANYE l’aubergiste/the innkeeper ; 35. petite chambre en haut/little room upstairs.

# אַן אַרײַנפֿיר[1] פֿאַר אָנהייבערס

עוזר[2] וואַרשאַווסקי איז אַ וויכטיקער ייִדישער שרײַבער, כאָטש ער איז ניט זייער באַקאַנט פֿאַרן ברייטן פּובליקום. ס׳איז אפֿשר[3] דערפֿאַר, ווײַל ער האָט ווייניק געשריבן, זײַן שרײַבן איז נישט זייער פּשוט[4] און זײַנע טעמעס נישט קיין געוויינטלעכע[5].

אין זײַן ערשט בוך, *שמוגלערס*[6] (1920), באַשרײַבט ער אַ באַנדע ייִדן וואָס פֿירן שמוגל אין פּוילן בעת[7] דער ערשטער וועלט־מלחמה[8]. די מענטשן און סיטואַציעס זײַנען ברוטאַלע און די שפּראַך איז אויך אַ ברוטאַלע.

ווי אַ סך אַנדערע ייִדישע אינטעליגענטן פֿון זײַן צײַט, איז ער אַוועק פֿון שטעטל, געלעבט אַ ביסל אין וואַרשע און בערלין, נאָכדעם זיך באַזעצט[9] אין פּאַריז. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ער מיטגעאַרבעט מיט אַוואַנגאַרדישע פּובליקאַציעס ווי *כאַליאַסטרע*[10] און *אַלבאַטראָס* און זײַן סטיל שרײַבן איז געווען מאָדערניסטיש און אַפֿילו עקספּרעסיאָניסטיש. אין די דרײַסיקער יאָרן איז ער געווען אַ באַקאַנטע פֿיגור פֿון מאָנפּאַרנאַס און האָט זיך פֿאַרנומען[11] מער מיט מאָלערײַ ווי מיט שרײַבן. ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן און ער מיט זײַן פֿרוי האָבן געמוזט אַנטלויפֿן, האָט ער געשריבן זײַן לעצטן ראָמאַן *רעזידענצן*, וועגן אַ ייִד וואָס פּרוּווט זיך ראַטעווען[12]. ער אַליין האָט זיך אָבער נישט געקענט ראַטעווען. ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין איטאַליע און פֿאַרשיקט[13] אין אוישוויץ, ווּ ער איז אומגעקומען[14] אין 1944.

אויב איר קענט נאָך ניט לייענען זײַנע ווערק אינעם אָריגינאַל, קענט איר זיי געפֿינען אויף פֿראַנצייזיש. צום באַדויערן[15] איז נאָך ניטאָ קיין איבערזעצונג אויף ענגליש.

1. introduction ; 2. OYZER ; 3. EFSHER peut-être/perhaps ; 4. POSHET simple ; 5. habituels/usual ; 6. contrebandiers ; 7. BEYS pendant/during ; 8. ... MILKHOME guerre mondiale/world war ; 9. s’est installé/settled ; 10. la bande/ the gang ; 11. s’occupait/ engaged in ; 12. se sauver/escape ; 13. déporté/deported ; 14. péri, mort/died (violent) ; 15. malheureusement/unfortunately.

# דער בינשטאָק[1] אויף מאָנפּאַרנאַס

אין אָנהייב פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט זענען געקומען אין פּאַריז פֿון מיזרח־אייראָפּע אַ סך ייִדישע קינסטלערס. צווישן זיי מאַנע קאַץ, פּאַסקין, חיים סוטין, קיקאָיִן, קרעמיען, יצחק דאָברינסקי, גאָטליב, משה קיסלינג און מאַרק שאַגאַל.

טייל פֿון זיי האָבן געווינט אַרום מאָנפּאַרנאַס, אין אַ בנין[2] וואָס איז געבויט געוואָרן לויט דעם פּלאַן פֿון גוסטאַוו אײַפֿל, דעם אינזשעניר פֿונעם „אײַפֿל־טורעם“, ווי אַ ווײַן־פּאַוויליאָן אויף דער אוניווערסאַלער אויסשטעלונג פֿונעם יאָר 1900 אין פּאַריז. אָט־דער בנין איז שפּעטער געוואָרן אַ ווינאָרט און אַן אַרבעטאָרט פֿאַר פּאַריזער קינסטלערס. צוליב זײַן רונדער פֿאָרעם און ווײַל ס'האָט אין אים געגריבלט און געשוויבלט[3] ווי אַ מאַסע בינען, האָט מען אים אָנגערופֿן „בינשטאָק“. אין דעם אָרט, וווּ טייל פֿון די מאָלערס, שרײַבערס און פּאָעטן האָבן געלעבט מיט ווײַב און קינד, זענען געשאַפֿן געוואָרן אַ סך מײַסטערווערק.

לעבן האָבן זיי געלעבט „בלויז פֿאַר קונסט“, נאָר אַ מאָל פֿלעגן זיי אָפּזיצן גאַנצע טעג אין די קאַפֿעען אויף מאָנפּאַרנאַס. זיי האָבן געהאָפֿט צו פֿאַרקויפֿן אַ בילד אָדער אַ צייכענונג די רײַכע אויסלענדער וואָס פֿלעגן קומען זיך צו באַגעגענען מיט די קינסטלערס. זיי האָבן אויך געוואָלט זיך טרעפֿן מיט די קונסטהענדלערס וואָס פֿלעגן אַרומוואַנדערן צווישן מאָנמאַרטר און מאָנפּאַרנאַס און טשאַטעווען[4] אויף נײַע טאַלאַנטן.



פֿאַרגעסט נישט אַז פֿאַר די וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אינעם „בינשטאָק“ איז דאָס לעבן געווען זייער שווער און אָרעם. נאָר דער „בינשטאָק“ איז געווען זייער מקום־מיקלט[5], און ער שטייט נאָך אַלץ, ביז הײַנט צו טאָג, אַן עדות[6] פֿון זייערע קאַמפֿן און שאַפֿונגען, פֿון זייער ייִאוש[7] און האָפֿענונג.

דער בינשטאָק עקזיסטירט נאָך ווי אַ ווינאָרט. מע קען אים זען : 2 פּאַסאַזש דאַנציג פּאַריז 75015.

1. ruche/beehive “La Ruche” ; 2. BINYEN bâtiment/building ; 3. grouillait/swarmed ; 4. étaient à l’affût/were on the lookout ; 5. MOKEM-MIKLET refuge ; 6. EYDES témoin/witness ; 7. YIEsh désespoir/despair.

דער ייִדישער טעם־טעם אויף אינטערנעט : www.yiddishweb.com/tamtam.htm

סוף פֿון זײַט 4

אין 1941 הייבט ער אָן צו שרײַבן זײַן שטאַרקן מלחמה־ראָמאַן, *רעזידענצן*. דאָ רעדט דער אויטאָר צום לייענער אין אַ שפּראַך וואָס איז אי קלאָר אי „מיסטיש־אַפּאָקאַליפּטיש“. דאָס געפֿיל פֿון אַ נאָענטער קאַטאַסטראָפֿע וואָס האָט גענאָגט[8] דעם זייער יונגן וואַרשאַווסקי ווען ער איז נאָך געווען אין וואַרשע און געאַרבעט מיט דער ליטעראַרישער גרופּע „כאַליאַסטרע“, דריקט זיך דאָ אויס אין דער קינסטלערישער פֿאָרעם פֿון אַ זיכער וויסן וועגן דעם סוף פֿון דער ייִדישער וועלט. אין *רעזידענצן* זאָגט וואַרשאַווסקי זייער אַ קלאָרע נבֿואה[9]:

„מ'כאַפּט שוין ייִדן צו לאַגער־אַרבעט און צו עפּעס ערגערס... אויף פֿאַרשיקונג [...] ווי אין הימל אַרײַן.“

דערפֿאַר דאַרף מען קוקן אויף אָט דעם ראָמאַן ווי אויף אַ וויכטיקע גבֿית־עדות[10] פֿונעם חורבן. זי איז די לעצטע ירושה[11] וואָס וואַרשאַווסקי האָט איבערגעלאָזט. אין מײַ 1944 האָט מען אים אַרעסטירט אין רוים און פֿאַרשיקט קיין אוישוויץ וווּ ער איז אומגעבערענגט געוואָרן אין אָקטאָבער 1944.

6. ROYShEM impression; 7. LEGABE concernant/concerning ; 8. troublé/haunted ; 9. NEVUE prophétie/prophecy ; 10. GVIES-EYDES témoignage, testimony ; 11. YERUShE héritage/heritage.

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :
*אַניק, ברוניד, גאָלדע, זשיל,*
*יצחק, מרים, נאַטאַליאַ, רובי.*

AEDCY
DER YIDISHER TAMTAM
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03

מעדעם־ביבליאָטעק
BIBLIOTHÈQUE MEDEM
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr